STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01367

SH. AN-SKI

S. An-Ski

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Young and Family
in memory of
Selma Young

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוגנט-ביבליאָטעק „חבר"

ש. אנ-סקי

(שלמה זאנוול ראַפּאָפּאָרט.)

ש. אַנ—סקי — ש. באסטאָמסקי
אַ דין תורה — ש. אנ—טקי
אַנ—סקיס מעשהלעך — איבער דערציילט דורך יעקב פאט

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול"
ווילנע
1924

דרוק ש. עפשטיין שטראשון גאס 6.

Sz. An—ski. Sz. Bostomski.



ש. אנ–סקי (שלמה ראַפּאָפּאָרט).

דעם 9 נאָוועמב. 1920 איז אין אַ וואַרשעווער קליניק פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאָג דער גרויסער יידישער שריפטשטעלער ש. אַנ—סקי (שלמה ראַפּאָפּאָרט).

אַ טיפן צער און אַ שרעקלאַכן ווייטאָק האָט אַרויסגערופן די טרויערדיקע ידיעה ביי די טויזנטער פריינד פון דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן דיכטער.

פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט איז ער פון אונז אַרויסגעריסן געוואָרן און אַלעמען איז געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויערדיק.

אַנ—סקי איז דאָך אַלעמען געווען אַזוי נאָענט, אַזוי טייער. ער האָט דאָך אַלעמען אַזוי ליב געהאַט!

דער שוואַכער און דער עלנטער, דער אָרימער און דער אונטערדריקטער—האָבן אַלע מאָל ביי אים טרייסט געפונען. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער נאָר וועגן די אומגליקלאַכע געטראַכט.

אין זיינע ווערק האָט ער אונז זייער לעבן געשילדערט, צו זיי ליבע און רחמנות געוועקט.

עס דערמאָנט זיך זיין ליד פון אָרימן שניידער:

„די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדן ווינקל—מיסט און קויט,

ס'איז פינסטער, אומעטיק און קאַלט, —
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט...

דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

אַנ—סקי האָט אַליין געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, כּדי צו העלפן די אָרימע און אונטערדריקטע. ער האָט אויך אַלעמען גערופן צו דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט. אין זיין פּאָעמע „דער אשמדאי" זאָגט דער צדיק צו לילית אַזוי:

„ווייניק איז דען דאָ יתומים,
ווייניק אָרימינקע קינדער,
קראַנקע, הונגעריקע, שלאָפע,
וועלכע בלאָנקען אום פאַרלאָזן?
פּרוב זיך, ווער פאַר זיי אַ מוטער,
רינגל זיי אַרום, מיין טאָכטער,
מיט רחמנות און מיט ליבע...
דאָ נישט ווייט איז דאָ אַ שטעטל,
דאָרטן זיינען דאָ אביונים,
דאָרטן זיינען דאָ יתומים,
קראַנקע, עלנטע און שוואַכע,
אָן אַ פּיצעלע השגחה.
קום מיט מיר איך וועל דיר וויזן,
ווי די טייבעלאַך צו העלפן,
ווי צו זיין פאַר זיי אַ מוטער".

און וואָס פאַר אַ ווירקונג די ווערטער פון דעם צדיק האָבן געהאַט, דערציילט זיך ווייטער אין דערזעלביקער פּאָעמע:

„... און איך האָב געפאָלגט דעם צדיק,
בין מיט אים געהאָרכט געגאַנגען,
וואו ער האָט געטאָן מיך פירן...
ביי קבצנים, ביי אביונים,
ביי אלמנות, ביי יתומים,
אין הֶקְדֵשים, תלמוד-תורות —
אומעטום בין איך געוועזן
און געטאָן מיט גוטן ווילן
און אַן אַנדערש מאָל מיט שמחה

און מיט הייסע זיסע טרערן,
וואָס דער צדיק האָט באַפוילן.
די פאַרוואָגלטע יתומים,
שלאָפּע, אָרימינקע קינדער,
בלייכע, הונגעריקע, קראַנקע
האָבן מיך גערופן „מאַמע".
און ס'איז ניט געווען קיין טעות
איך בין זיי געווען אַ מוטער,
איך האָב זיי געצוואָגט, געוואַשן,
זיי געגעבן עסן, טרינקען,
נאָכגעקוקט, געהיילט די וואונדן"...

אָט ווי אַזוי עס האָבן געווירקט די ווערטער פון דעם גרויסן צדיק.

אַנ—סקי האָט געוואָלט אויפוועקן ביי אונז אַ שטרעבונג צו העכערע פאַר־לאַנגען. אין זיינע ווערק האָט ער אונז געשילדערט אַזוינע ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען באַגייסטערט פון שיינע פאַרלאַנגען, הייכע אידעאַלן און דורכגע-דרונגען מיט אַ בענקעניש צום אייביקן קוואַל פון הייליקייט און ליכט.

דאָס שענסטע פון די דאָזיקע געשטאַלטן איז דער לייוונטענער צדיק פון דער פּאָעמע „דער אשמדאַי".

מיט גרויס ליבע מאָלט אונז אַנ—סקי דעם דאָזיקן גייסטיקן העלד:

„אין אַ קליינעם אַלטן שטיבל,
אין גרויס דחקות און אין עלנט
וואוינט דער לייוונטענער צדיק.
אַז איך בין צו אים געקומען
איז געווען שוין חצות הלילה.
וואַך איז נאָך געווען דער צדיק...
אָנגעטאָן אין ווייסע בגדים,
אַלץ דורכאויס אין גראָבע לייוונט,
איז ער רואיק זיך געזעסן
אין אַ ווינקעלע פון שטיבל
האָט געקוקט אַרויף צום הימל
און האָט שטיל פאַרטראַכט געזונגען
אַ מין ניגון גאָר אָן ווערטער.
אין דעם ניגון האָט געקלונגען
טרערן, צער און גרויס רחמנות
און דערביי אַ מאָדנע שימחה.
איך האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען,
וואָס עס האָט באַטייט דאָס זינגען,
צי אַ ניגון צי אַ תפילה,

צי אַ לויב דעם כּביכול,
צי אַ ווידוי פול מיט טרערן".

און ווייטער באַשרייבט זיך, אַז שפּעט אין דער נאַכט לייגט ער זיך
מיט אַ זיפץ אויף זיין געלעגער
פון צוויי הוילע שמאָלע ברעטער...

ווי אַזוי לעבט דער רבי?

...דער לייוונטער רבי,
לעבט זיך פון יגיע כּפּו,
ער באַאַרבעט די אדמה
גאָר, להבדיל, ווי אַ פּויער:
אויף אַ קליינינקער ערוגה
אַקערט ער און זייט זיך קאָרן
און ערנערט זיך פון זיין אַרבעט.

אַנ—סקי האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט צווישן די אַרבעטער. ער האָט גוט געקאָנט דאָס שווערע אַרבעטער-לעבן און שטענדיק געשטרעבט דאָס שווערע לעבן לייכטער צו מאַכן, ביים אַרבעטער מוט צו שאַפן. אַנ—סקי האָט פאַרשטאַנען, אַז קיינער וועט דעם אַרבעטער ניט העלפן, אויב ער אַליין וועט ניט אָנהייבן קיין קאַמף פאַר זיין פרייהייט און רעכט.

אין זיין ליד „אין געזאַלצענעם ים" שטעלט ער אַ פראַגע:

„דעם אַרבעטער ווער-זשע וועט ענדלאַך דערלייזן
פון הונגער און אייביקער לייד,
און ווער וועט דעם וועג אים צו פרייהייט באַווייזן,
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד?

און דער פּאָעט ענטפערט, אַז נאָר ער אַליין דער העלד וועט די וועלט אי באַפרייען אי היילן. ווען וועט אָבער דער אַרבעטער אָפּהאַלטן אַ נצחון? אויף דעם גיט דער פּאָעט אַן ענטפער אין אַ צווייטן ליד, „די שבועה": נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך אַלע פאַראייניקן אין קאַמף קעגן זייערע שונאים, די אונ-טערדריקער.

אָט ווי אַזוי עס קלינגט די שבועה פון דעם יידישן אַרבעטער, וואָס אַנ—סקי האָט פאַר אים געשאַפן:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט —
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָנע איז גרייט!
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צום שבועה! צום שבועה אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונז הערן!
עדות — די ליכטיקע שטערן!

א שבועה פון בלוט און פון טרערן
מיר שווערן! מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט,
מיר שווערן באַזיגן די פינסטערע נאַכט
אָדער מיט העלדנטום פאַלן אין שלאַכט".

און זינגענדיק די דאָזיקע ליד, איז ביי אַלע דערשלאָגענע אויס-געוואַקסן פליגלען און זיי האָבן זיך דערפילט שטאַרק און שטאָלץ.

אַנ—סקי איז געבאָרן געוואָרן אין וויטעבסק אין יאָר 1863. אין יענער צייט זיינען נאָך קיין שולן ניט געווען. ווי אַלע קינדער פון זיין צייט האָט ער פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן אין חדר און אין בית-מדרש. אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער גענומען פאַרשטיין, אַז די הייליקע ספרים קענען אים ניט באַפרידיקן. ער קריגט גרויס חשק צו באַקאָנען זיך מיט דער אַרומיקער וועלט. ער זוכט אַן ענטפער אויף אַ סך פראַגן און געפינט ניט. דאַן הייבט ער אָן צו לייענען אַנדערע ביכער, פאַרטיפט זיך אין די „ספרים חצונים" (וועלט-לאַכע ספרים). ער וויל באַקומען וואָס מער אַלגעמיינע בילדונג. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז שוין אַלט 17 יאָר, הייבט ער זיך אָן צו לערנען די רוסישע „אַזבוקע" און לערנט זיך גיך אויס לייענען און שרייבן.

דער חשק צו בילדן זיך ווערט ביי אים וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און ער טוט אויף זייער אַ סך.

כדי צו האָבן פונוואַנען צו לעבן, לערנט ער זיך אויס אייַנבינדעריי און ווערט אַן אַרבעטער.

שפּעטער פאָרט ער אָפּ אין אַ שטעטל און הייבט דאָרט אָן צו געבן פּריוואַטע שטונדן. אינדערזעלבער צייט הערט ער ניט אויף אַליין זיך צו לער-נען, לייענט אַ סך ביכער און ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש. ער ווערט דורכ-געדרונגען, ווי ער שרייבט אַליין—מיט אַ טיפער זיכערקייט אין די אייגענע כוחות און שטאַרק באַגייסטערט מיט די הויכע אידעאַלן, וואָס לייכטן פאַר זיינע אויגן.

די ערשטע צייט געפינט ער ניט קיין נאָענטע חברים, מיט וועלכע ער זאָל זיך קאָנען טיילן מיט אַלע זיינע געדאַנקען. קיינער פון שטעטל פאַר-שטייט אים ניט און וויל ניט וויסן פון קיינע נייע שטרעבונגען.

נאָר באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אַפילו אין דעם פאַרגליווערטן שטעטל האָבן זיך שוין געפונען עטלאַכע בחורים, וואָס האָבן געשטרעבט צו ליכט און וויסנשאַפט.

אַנ—סקי פאַרבינדט זיך מיט זיי און ווערט זייער פירער און לערער.

אין זיינע זכרונות באַשרייבט ער אַליין ווי אַזוי די פאַרבינדונג איז פאָרגעקומען.

„איינמאָל שפּעט ביינאַכט האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ גרינגן פאַר-זיכטיקן קלאַפּ צו מיר אין פענסטער. אַז איך האָב אויפגעעפנט, האָב איך דער-

זען פאַר זיך צוויי בחורים, וואָס האָבן שטיל, נאָר מיט אַ פרייד פון התלהבות מיטגעטיילט מיר, אז זיי זיינען געקומען דורכריידן זיך מיט מיר וועגן אַ וויכ־טיקן ענין. און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, זיינען זיי דורכן פענסטער אַריין צו מיר אין חדר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפרעך ביז פאַרטאָג. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. גליקלאַכע און נייגעבאָרענע זיינען זיי אַוועק פון מיר מיט אַ פעסטן באַשלוס אַראָפצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך, אַנטלויפן פון דער היים און אָנהייבן אַ נייעם לעבן, אַ ליכטיקן, אַ דערהויבענעם.

די דאָזיקע באַזוכונגען האָבן זיך איבערגעחזרט וואָס ווייטער אַלץ אָפטער, נאָך די צוויי זיינען געקומען אַנדערע. איינגיכן האָט זיך ביי אונז געבילדעט אַן אייגנאַרטיקער קרייזל פון אַ מאַן 7. די פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען בשתיקה, קיינער זאָל ניט וויסן, פרייטאָג שפעט ביינאַכט, בשעת דאָס שטעטל האָט שטאַרק געשלאָפן.

אומגעריכט האָט זיך אָבער דאָס שטעטל האָט זיך דערוואוסט פון די פאַרזאַמלונגען און אַנ—סקי האָט געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן.

אַ קורצע צייט פאָרט ער אַרום פון איין שטעטל אין דעם אַנדערן און נאָכהער פאָרט ער אָפּ קיין פעטערבורג און נעמט זיך פלייסיק לערנען פאַר־שיידענע וויסנשאַפטן. דאָ באַקומט ער אַ סך פריינד, יידן און קריסטן, און הייבט אָן צו אַרבעטן אין פאַרשיידענע קרייזלאַך... אין יענער צייט האָט מען אין די דאָזיקע קרייזלאַך זייער אַ סך גערעדט וועגן דער לאַגע פון די רוסישע פוי־ערים.

די פויערים זיינען פינסטער, קענען ניט לייענען און שרייבן, פאַרשטייען ניט ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט. ער מוז גיין צו זיי און לערנען זיי.

און אַ סך געלערנטע יונגעלייט זיינען אַוועק צום פאָלק, אין דאָרף, און גענומען אים לערנען.

צווישן די דאָזיקע יונגעלייט איז געווען אויך אַנ—סקי.

אין יענער צייט האָבן אָבער יידן ניט געטאָרט וואוינען אין די דער־פער. ווי נאָר די רוסישע רעגירונג האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, אז אַנ—סקי וואוינט אין אַ דאָרף, האָט זי אים גלייך פון דאָרט אַרויסגעשיקט. אַנ—סקי פאָרט דאַן אַריבער אין דרום־רוסלאַנד, אין קאַטערינאָסלאַווער גובערניע, און אַרבעט אין די זאַלצגרובן און קוילנשאַכטן.

אין דער פרייער צייט פירט ער מיט די אַרבעטער געשפרעכן און פאַר-שפרייט צווישן זיי ליכט און וויסנשאפט

אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן פאָרט אַנ—סקי אָפּ קיין פאַריז.

דאָ קריגט ער אַ מיגלאַכקייט אי צו אַרבייטן אי צו לערנען זיך. בייטאָג אַרבעט ער אויף אַ פאַבריק און אינאָוונט באַזוכט ער פאַרשיידענע לעקציעס.

דאָ אין פאַריז הייבט ער אָן צו שרייבן זיינע דערציילונגען און לידער און ווערט אַ שריפטשטעלער

פון צייט צו צייט לייענט ער פאָר זיינע ווערק די יידישע אַר־

בעטער און סטודענטן, וואָס וואוינען דאָרט, און ווערט גיך באַוואוסט און באַ־ליבט צווישן זיי.

אין יאָר 1906 קערט זיך אַנ—סקי אום קיין רוסלאַנד און פאַרנעמט זיך די גאַנצע צייט מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

אַ סך ווערק זיינע זיינען געשריבן אין רוסיש, פאַר דער לעצטער צייט האָט ער אָבער געשריבן נאָר אין יידיש.

די בעסטע פון אַנ—סקיס ווערק זיינען די פּאָעמע „דער אשמדאי״, די דראַמע „צווישן צוויי וועלטן אָדער דער דיבוק״ און די פאָלקס־מעשיות.

אין משך פון עטלאַכע יאָר איז אַנ—סקי אַרומגעפאָרן איבער די יידישע שטעטלאַך און פאַרשריבן דאָרט פאַרשיידענע מעשיות, וואָס די אַלטע לייט פלעגן אים דערציילן. די דאָזיקע פאָלקס־מעשיות פלעגט ער שפּעטער באַאַר־בעטן און אָפּדרוקן.

אין יאָר 1914 איז אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט־מלחמה.

מיט פייער און שווערד האָבן זיך פאַרשיידענע פעלקער אויפגעהויבן איינע אַנטקעגן די אַנדערע און גענומען חרוב מאַכן איינע ביי די אַנדערע דערפער און שטעט. רוסלאַנד האָט דאַן מלחמה געהאַלטן מיט דייטשלאַנד און מיט עסטרייך. אין אָנהייב פון דער מלחמה האָט זיך דער רוסישער חייל אַריינ־געריסן אין דעם לאַנד גאַליציע און געמאַכט דאָרטן אַ גרויסן חורבן. אין גאַ־ליציע וואוינען אַ סך יידן. די מלחמה האָט די גאַליציאַנער יידן אומגליקלאַך געמאַכט, אַ סך פון זיי זיינען געהרגעט געוואָרן, אַ סך יידישע האָב־און־גוטס איז צוראַבירט געוואָרן, טויזנטער פאַמיליעס זיינען פאַריאָגט געוואָרן פון זיי־ערע ערטער און זיינען אַרומגעלאָפן הונגעריקע, נאַקעטע, דערשראָקענע.

די מלחמה מיט אירע חורבונות האָבן געמאַכט אויף אַנ—סקין אַ שרעק־לאַכן איינדרוק. נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן מלחמות און געשריבן:

„מיר נעמט אָן אַ פּחד,
מיר נעמט אָן אַן אימה,
אַז מע דערציילט מיר
די שרעק פון מלחמות...״

אַנ—סקי האָט ניט געקאָנט פאַרבלייבן רואיק, אין דער צייט ווען די ברידער זיינע האָבן אַזוי שטאַרק געליטן.

ער הייבט אָן צו אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה און פאָרט באַלד אָפּ קיין גאַליציע, כדי דאָרט אויף אָן אָרט צו העלפן די געליטענע, צו לינדערן זייערע ליידן און נויט. שפּעטער באַשרייבט ער אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזען, אין אַ באַזונדער בוך מיטן נאָ־מען „חורבן גאַליציע״.

אין יאָר 1918 קומט אַנ—סקי קיין ווילנע. דאָ אַרבעט ער זייער אַ סך אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, גרינדעט דעם היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזיי, די קולטור־ליגע. ער אַרבעט אַליין און וועקט אויף ביי אַנדערע מוט צו אַרבעטן.

אַנ—סקי האָט זייער ליב געהאַט די שטאָט ווילנע און גערעכנט צו פאַרברענגען דאָ אַ לענגערע צייט. פלוצלונג זיינען אָבער אָנגעקומען די בלוטיקע אַפּריל-טעג פון יאָר 1919. אַ סך יידן ווערן דערהרגעט, צווישן די דערהרגעטע געפינט זיך אויך אַנ—סקיס נאָענטער פריינד, דער יונגער שריפטשטעלער א. ווייטער. דער פּאָגראָם מאַכט אויף אַנ—סקין אַ שרעקלאַכן רושם און ער ווערט קראַנק. דאַן פאָרט ער אָפּ אויף אַ דאַטשע קיין אָטוואָצק, וואָס לעבן וואַרשע.

די ערשטע זאַך, וואָס אַנ—סקי האָט געטאָן, קומענדיק אין וואַרשע נאָך די ווילנער שרעקלאַכע פּאָרקומענישן, איז געווען—אָפּדרוקן אין אַלע צייטונגען אַ וויי־געשריי איבער די מעשים, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין ווילנע.

דאָ, אין אָטוואָצקער פּרעכטיקן סאָסנאָוון וואַלד, רוט ער זיך אַ ביסל אָפּ און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט.

פון צייט צו צייט קומען אַהער אַראָפּ צו אים פון פאַרשיידענע ערטער זיינע פריינד און באַקאַנטע און פאַרברענגען מיט אים און קלייבן נחת פון אים.

אויך איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין ביי אים אין אָטוואָצק.

פאַרן לעצטן יאָר איז אַנ—סקי עלטער און שוואַכער געוואָרן.

אַז איך האָב אים דערזען, האָב איך זיך דערשראָקן. אָבער אַז ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט און גענומען דערציילן וועגן זיין לעבן און אַרבעט, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַזוי לעבעדיק, אַזוי מונטער, אַזוי יונג, אַזוי מוטיק!

אַנ—סקי איז געווען צוגעקילט און ס'האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס ער מוז זיין אינדערהיים און קען ניט גיין ווי אַלע טאָג שפּאַצירן. אַנ—סקי האָט זייער ליב געהאַט די נאַטור און פלעגט אַ פּאָר שעה אין טאָג שפּאַצירן איבערן וואַלד. אַנ—סקי האָט אונז, זיינע געסט, גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך צוגעקילט. ס'איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט. ווייט אין וואַלד האָט ער געפונען אַ מוראַשניק, האָט זיך אים פאַרוואָלט דערגיין, ווען דאָס לעבן אין דעם מוראַשניק וועט זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן, פלעגט ער אַלע טאָג גיין אַהין און נאָכקוקן, ווי אַזוי עס ווערט דאָרט אַלץ ביסלאַכווייז אָפּגעשטאָרבן.

„און איך האָב דערהיט!" — פאַרענדיקט ער. און מע האָט געדאַרפט זען, ווי זיין פּנים האָט דערביי געשטראַלט! ווי אַ קליין קינד האָט זיך דער אַלטער געפרייט.

אַנ—סקי האָט דערציילט וועגן זיין אַרבעט, וועגן דעם, אַז ער קלייבט זיך צונויפצוזאַמלען אַלע זיינע ווערק און אַרויסגעבן זיי אין 13 בענד; אויך האָט ער געטראַכט וועגן נייע ווערק, אָנצוהויבן נייע אַרבעטן.

אַנ—סקי איז קיינמאָל ליידיק ניט געזעסן, כּסדר אַליין געאַרבעט און שטענדיק גערופן אַנדערע צו אַרבעטן.

די לעצטע חדשים האָט אַנ—סקי געוואוינט אין וואַרשע אין אַ קליניק. נאָך מיט אַ טאָג פאַרן טויט איז ער געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין

וואַרשע און געריפן אַלעמען צו גרינדן דאָרט אַ יידישן מוזיי. מיט עטלאַכע מינוט פאַרן טויט איז ער נאָך געזעסן ביים שרייבטיש און זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

אַרום 7 אינאָוונט האָט דער דאָקטאָר פון קליניק פלוצלונג דערהערט, אַז אַנ—סקי הוסט שטאַרק. דער דאָקטאָר איז גלייך אַריין צו אים אין צימער. אַנ—סקי איז געשטאַנען ביים וואַש־טישל, זיך געהאַלטן ביי דער ברוסט, שטאַרק געהוסט, ניט קענענדיק אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— איך ווער דערשטיקט... עפנט די פענסטער... מער לופט!.. — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

5 מינוט האָט ער זיך געמאַטערט, דערנאָך האָט ער אויסגערופן: „איך שטאַרב״, און שוין — מער האָט ער שוין ניט געלעבט.

די ידיעה וועגן אַנ—סקיס טויט האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ טיפן טרויער. אין די וואַרשעווער יידישע טעאַטערן האָט מען אַלס צייכן פון טרויער איבערגעריסן די פאָרשטעלונגען, אין פאַרשיידענע שטעט האָט מען אין די יידישע שולן די לימודים איבערגעריסן און נאָך אים הזכרות געמאַכט.

די לוויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך דעם 10־טן נאָוועמבער. אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען טויזנטער מענטשן. ביז 100 דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון און געטראָגן בענ־דער מיט אויפשריפטן.

רירנדיקער פאַר אַלע איז געווען די אויפשריפט אויפן באַנד פון די קינדער פון ווילנער אינטערנאַט: „אונזער זיידן אַנ—סקין—אַ הייליקע רו״.

שפּעט אינאָוונט איז די טרויער־פּראָצעסיע אָנגעקומען אויפן בית־עולם.

ביים אָפענעם קבר האָט איינער פון זיינע חברים זיין ביאָגראַפיע דער־ציילט, אַ צווייטער האָט קדיש געזאָגט און מיט אַ טרויערדיקן געמיט איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען.

צווישן די קברים פון י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן איז נאָך אַ קבר אויסגעוואַקסן — דער קבר פון ש. אַנ—סקי...

ש. באַסטאָמסקי.

אַ דין-תורה.

(אַ חסידישע פאָלקס-מעשה).

פון ש. אַנ-סקי.

...און געשעען איז די מעשה
גאַרניט לאַנג, אין יענע צייטן,
ווען עס האָט די וועלט געקלונגען
מיט די מופתים פון דעם צדיק,
פון דעם רב, רב אלימלך.

אין אַ בייזער שעה אויף יידן
האָט דער קיסר פון רומעניע
מיטאַמאָל געמאַכט אַ גזירה,
אַז אין משך פון דריי וואָכן
זאָל ניט בלייבן אין זיין הערשונג
קיין שום זכר פון אַ יידן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי די יידן
איז געוואָרן גאָר אַ חורבן.
מ'האָט געוויינט, געקלאָגט, געשריען,
מ'האָט געמאַכט אַ תענית-ציבור,
מ'האָט געריסן קברים, וועלטן,
נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן:
יענע בייזע ווילדע רוחות,
וועלכע לויערן אויף יידן,
זינט דעם חורבן בית-המקדש,
האָבן מיט אַ מין אַכזריות
ניט דערלאָזן צו דעם בורא
קיין שום טרער און קיין שום תפילה.

נאָר איין ייד אין גאַנץ רומעניע
ט'ניט געפאַסט און ניט געשריען.
און געווען איז דאָס רב פייוול,
אַ באַוואוסטער ייד, אַ זקן,
וועלכער איז דעם גאַנצן לעבן,
אָפּגעזעסן אין בית-מדרש
אויף גמרא און אויף פוסקים.
אַז רב פייוול האָט דערוואוסט זיך
פון דעם בייזן גזר פון קיסר,
איז ער אויך, ווי אַלע יידן,
גלייך געוואָרן שטאַרק דערשראָקן
און געוואָלט שוין נעמען וויינען.
מיטאַמאָל האָט אים באַלויכטן
דעם געדאַנקען אַ מחשבה...
ער'ט געטאָן אַ שטאַרקן ציטער,
האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ חומש,
האָט אַריינגעקוקט מיט אימפעט
און האָט אויסגעשריען תיכף:

— ס'טייטש! וואָס הייסט: אַ גזר פון קיסר?
על-פי דין פון אונזער תורה
האָט דער גזר קיין שום ממשות!

און געשווינד, — אַ פייל פון בויגן, —
איז ער גלייך אַוועקגעלאָפן
(שפעט ביינאַכט איז דאָס געוועזן)
צו דעם רב (אין יענע צייטן,
האָט געהערשט אין גאַנץ רומעניע
דער באַוואוסטער גרויסער תלמיד
פון בעל-שם, רב אלימלך),
האָט אים אויפגעוועקט פון דרעמל
און מיט היץ גענומען שרייען:

— רבי! פסקנט אַ דין-תורה!
קלאָר ווי טאָג איז דאָך געשריבן
אין דער תורה, אַז די יידן
זיינען קנעכט דעם בורא עולם,
היינט, ווי שטעלט זיך איין אַ קיסר
מאַכן גזירות קעגן יידן?!
און דערהויפּט, איך פרעג אייך, רבי,
ווי דערלאָזט דאָס גאָט אין הימל
די משונה בייזע עוולה?!

— וואָס-זשע ווילסטו, רבי פייוול? —
פרעגט ביי אים רב אלימלך.

— ס'טייטש, וואָס וויל איך? אַ דין-תורה
מיט דעם בורא פאַר זיין עוולה.

— הער, מיין זון, — האָט אים געענטפערט
רואיק רבי אלימלך, —
זאָגן מוז איך דיר, בפירוש,
אַז איך רעכן פאַר אַ העזה
צו באַשולדיקן דעם בורא,

אַז ער איז אַ דין מְעַקֵם *);
מ'וועט גאָט צו אַ דין-תּורה,
שמעקט דערצו נאָך מיט סַכָּנוֹת...
נאָר, פון אַנדער צַד, פאַרשטיי איך,
אַז דו גייסט אויף מסירת-נֶפֶש
פאַר אַ גרויסער קהילה יידן,
איז דעריבער בין איך מסכים
אָנצונעמען דיין דין-תּורה.
וואָר אום האַלבער נאַכט, פאַרשטייט זיך,
איז פאַר דעם די צייט ניט פאַסיק;
קום-זשע מאָרגן, נאָך וָותיקין.

אין דערזעלבער נאַכט, גאָר פּלוצלונג,
זיינען מיטאַמאָל געקומען
געסט צו רבי אלימלך:
דריי רבנים און צדיקים.
צווישן זיי איז אויך געווען
דעם בַעל-שֵם'ס באַליבטער תלמיד,
דער באַוואוסטער רב פון אַפּטע.
גלייך האָט זיי רב אלימלך
פאַרגעלייגט, מיט אים צוזאַמען
אָנטיילנעמען אין דעם משפט,
און זיי האָבן אים געגעבן
זייער הייליקע הסכמה.

מאָרגן פרי, אַז רבי פייוול
איז געקומען צו דעם משפט,
האָבן אַלע פיר רבנים
אָנגעטאָן אויף זיך טליתים,
און עס איז דער גרויסער בית-דין
צוגעטראָטן צום דין-תּורה.
—רבי פייוול!—האָט דער אַפּטער
אויסגערופן,—פיר רבנים
זיינען גוזר, דו זאָלסט זאָגן,
וואָס דו האָסט פאַר אַ מין טענה
צו דעם בורא כביכול?

נאָר רב פייוול איז געשטאַנען
בלייך, צעטומלט און דערשראָקן.
—ניין, רבותי... ניין, איך קען ניט...
האָט ער ציטערנד געשטאַמלט.—
כ'האָב מיין גאַנצן מוט פאַרלאָרן...
פון די נעכטיקע התלהבות
איז קיין זכר ניט געבליבן...

נאָר אויף דעם האָט אים געענטפערט
מיט אַ תקיפות, שטרענג, דער אַפּטער:
—איך, דער אַפּטער, גיב דיר כוח,
דעה, בינה און התלהבות!
זיי בטוח, אין דעם משפט
וועט ניט זיין קיין נשיאת-פנים.

און רב פייוול האָט באַקומען
מיטאַמאָל אַ גרויס התלהבות
און האָט אָנגעהויבן טענהן.
קודם כל האָט ער אַ פסוק
אויפגעוויזן אין דער תורה.
נאָכדעם האָט ער דאָ גענומען
ברענגען ראיות פון גמרא,
און פון פוסקים, און פון אַלפס.
און האָט קלאָר ווי דער טאָג באַוויזן
אַז דער בורא האָט לחלוטין
ניט געטאָרט דעם גזר דערלאָזן.

דאָ האָט איינער פון די שופטים
זיך געפּרובט אויף אַ המצאה:
—אפשר וואָלט איר, רבי פייוול,—
האָט ער שטיל זיך אָפּגערופן,—
איינגעוויליקט אָנצוקלאָגן
ניט דעם בורא, נאָר דעם קיסר?
—וואָס מיר קיסר? ווער מיר קיסר?-
האָט מיט כעס אויסגערופן
רבי פייוול,—הערסט אַ מעשה!
וואָס האָב איך פאַר אַ געשעפטן
מיט דעם קיסר פון רומעניע!
וואָס איז ער? אַ מענטש ווי אַלע!
מיט דעם בורא, כביכול,
נאָר מיט אים האָב איך אַ משפט!

דאָ האָט זיך פון זיין הֶסֵיבה
אויפגעהויבן שטאָלץ דער אַפּיזער
און האָט רואיק, ווי אַ ריכטער
אויסגערופן:
—זאָל דער בורא

*) אז ער פסקנט ניט לויט דעם דין.

געבן אונז אַ קלאָרן ענטפער
אויף רב פּייוולס קלאָרע טענות!
רופט זיך אָפּ רב אלימלך:
—איך וועל געבן אייך דעם ענטפער:
ס'איז געוויס ניטאָ קיין ספק,
דאָס גערעכט איז רבי פּייוול,
אַז אַחינו בני יהודים
זיינען קנעכט פון בורא עולם
און אַז קיינער, חוץ דעם בורא,
האָט קיין רעכט נישט זיי צו שטראָפן,
נאָר עס מעג דאָך זיי דער בורא
שטראָפן, ווי מען שטראָפט עבֿדים,
דורך אַ פרעמדער האַנט, לערך...
— ניין, ער טאָר ניט! — פאַלט אַריין אים
היציק אין די רייד רב פּייוול.
זיינען דען ביי גאָט די יידן
מער ניט קנעכט? האָט איר פאַרגעסן,
אַז עס שטייט: „כּי בנים אתּם?"
קינדער זיינען מיר ביים בורא!
נו, און קינדער שטראָפט אַ טאַטע
נאָר אַליין און ניט דורך פרעמדע!
—היינט, ווי קומט זשע דאָס, וואָס טיטוס
האָט פאַרברענט דעם בית-המקדש? —
גיט אַ פרעג רב אלימלך.
—גוט געזאָגט! דער בית-המקדש
איז געווען דאָך גאָטס אַ דירה,
האָט ער אים געמעגט פאַרברענען,
און אָט איצטער, ווי מיר ווייסן,
האָט דער אויבערשטער חרטה
און ער קלאָגט און שרייט בכּרוכיא:
ווי איז מיר! איך האָב מיין בנין
מיט מיין אייגן האַנט צעבראָכן
און געמאַכט פון אים אַ חורבן!
—לאָז זיך זיין! איך בין שוין מוחל
דיר דעם חורבן בית-המקדש, —
רופט זיך אָפּ רב אלימלך.—
נאָר באַרעכן זיך, אַ שטייגער,
ווי די יידן זיינען זינדיק!
וויפל מאָל האָט זיי דער בורא
אי מיט גוטן, אי מיט בייזן
אָנגעזאָגט, זיי זאָלן טראַכטן
וועגן תּשובה און פאַרלאָזן
זייערע מוטוויליקע מעשׂים.
האָט דען וואָס עס איז געהאָלפן?
סוף-כּל-סוף איז גאָט געוואָרן
מלא כּעס אויף די יידן
און אַרויס פון אַלע כּלים...
—סטייטש: „אַרויס פון אַלע כּלים!!"—
שרייט מיט אימפּעט אויס רב פּייוול. —
וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים!
אויב מיר וועלן דאָס דערלאָזן,
קען דאָך גאָט אינמיטן מיטוואָך,
אַז זיין גרימצאָרן צעקאָכט זיך,
חרוב מאַכן אַלע וועלטן
און פאַרטיליקן די יידן!
—און ער קען טאַקע, וואָס מיינסטו!—
רופט זיך אָפּ רב אלימלך.
—ניין, ער קען נישט! ניין, ער טאָר נישט!—
עוקרט ווייטער רבי פּייוול. —
וואָס איז דאָס: לית דין, לית דיין?
האָבן מיר דען נישט קיין תּורה?!...
הערט, רבותי! איך בין מתרה,
אַז איך טרעט ניט אָפּ פון דאַנען
ביז איר וועט אַ גזר ניט מאַכן,
אַז דער בורא, גלייך ווי אַלע,
מוז מקיים זיין די דינים
פון דער תּורה...
נאָר דער אַפּטער
האָט געענדיקט די וויכּוחים.
האָט פון אָרט זיך אויפגעהויבן,
האָט די באָרד אַ גלעט געגעבן
און אַרויסגערעדט מיט תּקיפות:
—אַלץ איז קלאָר! גענוג צו טענהן.
נאָך דעם האָט ער צוגעגעבן:
—ביי משפּטים איז אַ מנהג,
אַז ווי באַלד נאָר ביידע צדדים
זיינען פאַרטיק מיט די טענות,
הייסט דער-בית דין זיי אַרויסגיין
פון דעם בית-דין-שטיבל ביידן!

אויב־זשע ווער פון ביידע צדדים
ווייזט דערביי אַרויס עקשנות,
ווייל מיט גוטן ניט אַרויסגיין, —
מוז ער פריער קנס באַצאָלן
און דערנאָך פירט אים דער שמש
פּאַרט אַרויס פון בית־דין־שטיבל
מיט בזיונות, פּאַרן אויער...
רבי פּיוול, זייט־זשע מוחל!
גם כּן דו, אדון עולמים,
מוזט פון דאַנען אויך אַרויסגיין...
כאַפּט זיך אויף רב אלימלך:
—סטייטש, עס שטייט דאָך
דייטלאַך: „כּבודו מלא עולם“, —
הייבט, ווי קען־זשע גאָט, איך פרעג אייך,
זיך דערווייטערן פון דאַנען
כאָטש אַפילו אויף אַ רגע?
ביי אַ וויילע שווייגט דער אַפּטער.
נאָך דעם הייבט ער אויף מיט רוגזה
אַ געדיכטע ברעם, אַ גרויע,
גיט אַ ברום און זאָגט זיך רואיק:
—נו, באַלד עס שטייט געשריבן
דייטלאַך: „כּבודך מלא עולם“,
זייגען מיר דיר, בורא, מתּיר,
זאָלסט דערווייל מיט אונז פאַרבלייבן.
נאָר מיר זאָגן דיר בּפירוש,
אַז אין אונזער פּסק־דין קודש
וועט ניט זיין קיין נשיאות־פּנים!
מוזט געדענקען, אַז די תּורה
איז שוין מער ניט אויפן הימל:
האָסט זי אונז אַוועקגעגעבן...

דריי מעת־לעת האָט זיך געצויגן
די ישיבה פון דעם בית־דין.
און עס האָבן נאָר געדונערט
פייער־היציקע וויכּוחים.
און עס האָבן זיך געשאָטן
קל־וחומרס, גזרה־שוהס
און הלכות, און ענינים,
און נוטריקנס, און רמזים
פון קבלה און פון זוהר,
פון בעל־שמס געציילטע ווערטער
און פון טיפע סתרי־תּורה.
דריי מעת־לעת האָט זיך געצויגן
די מחלוקת. די רבנים
האָבן זיך צעהיצט, צעשריען
און געקריגט זיך, און געשאָטן
מיט זילזולים און מיט חרמות.
איין דעם אַנדערן גערופן:
„שייגעץ“! „שנעק“ און „עם־הארץ“!
סוף־כּל־סוף איז מען געקומען
צו אַ פּשרה, אַז דער בורא
האָט דעם שלימען גזר פון קיסר
על־פּי טעות נאָר דערלאָזן
(ער האָט שלעכט געטייטשט דעם פּסוק
און ניט קלאָר דעם פּשט פאַרשטאַנען,
פון אַ טיפן וואָרט אין זוהר).
און בכן, האָט קיין ממשות
דעם רומעניער קיסרס גזירה,
און זי מוז גלייך בטל ווערן.
און דעם פּסק־דין האָט אַ סופר
אָנגעשריבן אויף אַ פּאַרמעט.
אַלע הייליקע רבנים
האָבן זיך אויף אים געחתמט
און מען האָט אין ארון־קודש
צווישן אַלע ספרי־תּורהס
איינגעטאָן דעם פּסק־דין־פּאַרמעט...

איין מעת לעת איז נאָר פאַרגאַנגען,
און די גזרה פון דעם קיסר
איז געוואָרן בטל! אָמן!

פאַר דער צייט, וואָס איז פאַרגאַנגען זינט דעם טויט פון ש. אַנ=סקי, האָבן זיין גייסט און זיינע אידעען ניט אויפגעהערט צו שוועבן איבער דער יידישער וועלט. די ליטעראַרישע ירושה פון ש. אַנ=סקי איז זייער רייך. ביז היינטיקן טאָג זיינען שוין ערשינען אין יידיש 19 בענד פון זיינע געזאַמלטע ווערק און די אַרבעט איז נאָך ניט פאַרענדיקט. דאָ ניט לאַנג איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ טייל פון די מאַטעריאַלן, וואָס אַנ=סקי האָט איבערגעלאָזט אין לענינגראַד—אויך אַ גרויסער ליטעראַרישער אוצר.

איינע פון די טיפסטע און שענסטע ווערק פון ש. אַנ=סקיס שאַפן בלייבט „דער דיבוק". אין דעמדאָזיקן ווערק האָט אַנ=סקי דיכטעריש באַאַרבעט אין אַ דראַמאַטישער פאָרם דאָס שענסטע און רייכסטע פון יידישן פאָלקסגייסט.

אַנ=סקי האָט זיך געווונטשן צו זען דאָס ווערק אין יידישן טעאַטער. ער האָט אָבער דערצו ניט דערלעבט. ערשט צו שלושים פון זיין טויט איז „דער דיבוק" געשטעלט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין וואַרשע דורך דער „ווילנער טרופע". דאָס ווערק האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן ערפאָלג. אָוונט אין אָוונט, העכער 200 מאָל, איז די פיעסע געשפּילט געוואָרן און דער אינטערעס צו איר איז אַלץ געוואַקסן. אין יידישן טעאַטער האָבן אָנגעהויבן גיין זען דעם „דיבוק" אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. און אַלע האָבן באַוווּנדערט די פאַרביקע מוזיקאַלישע און סצענישע שיינקייט פון דער פיעסע.

און ניט בלויז אין די יידישע קרייזן האָט „דער דיבוק" אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס און באַגייסטערונג. אויך געלערנטע און קינסטלער פון אַנדערע פעלקער זיינען געקומען אין יידישן טעאַטער און זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון דער דראַמע.

אויך אין פיל אַנדערע שטעט: אין ווילנע, אין לאָדזש, אין ניו=יאָרק, אין בערלין א. א. איז דאָס ווערק געשפּילט געוואָרן מיטן זעלביקן ערפאָלג.

דאָס ווערק איז געוואָרן דאָס באַליבטסטע טעאַטער=שטיק ביי די יידישע פאָלקסמאַסן.

*

אַנ=סקיס באַליבטע טעטיקייט—זאַמלען און זוכן פאַרשיידענע יידישע אַלטערטימלעכקייטן, פאַרשיידענע אוצרות פון יידישער שאַפונג, ווי, למשל, יידישע לעגענדעס, פאָלקסלידער, ניגונים, אָרנאַמענטן פון אַלטע שולן און בתי=מדרשים, ארון=קודשן, עטרות פון ספרי תורות א. ד. גל. — דידאָזיקע אַרבעט זיינע האָט אויך געשלאָגן וואָרצלען אויפן יידישן באָדן און ווערט פאָרטגעזעצט דורך זיינע פריינד און פאַרערער סיי אין פוילן (דורך דער ווילנער היסטאָריש=עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, וועלכע ש. אַנ=סקי האָט געגרינדעט) און אויך אין אַמעריקע—דורך אַנסקיס יוגנט=חבר, דעם יידישן שריפטשטעלער און פילאָסאָף ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און דעם יידישן קריטיקער ש. ניגער, וועלכע האָבן געגרינדעט אויך אין ניו=יאָרק אַ היסטאָריש=עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט.

אַנ=סקי האָט געהאַלטן, אַז די פאַרשיידענע אוצרות פון די יידישע פאָלקסשאַפונגען מוזן געזאַמלט ווערן ניט נאָר כדי צו באַלויכטן די יידישע געשיכטע און אַנטפלעקן די יידישע קונסט=שאַפונג אין משך פון דורות. אין דידאָזיקע זאַמלונגען האָט ער אויך געזען דעם שאַפונגס=קוואַל פאַר די קומענדיקע יידישע דיכטער און קינסטלער, וועלכע דאַרפן שפּינען דעם פאָדעם פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קונסט.

אנ־סקיס מעשהלאך.

(געהערט פון אים דערציילנדיק.)

גלאָז און שפּיגל.

עס האָט אין מיראָפּאָליע געלעבט אַ ייד אַן אָרימאַן, נאָר אַ פרומער, אַ צוגעלאָזטער צו מענטשן און אַן ערלאַכער. האָט ער ניט געקוקט אויף זיין אָרימקייט און געטאָן פאַר יענעם אַ טובה, אָנגעטראָגן אין בית־מדרש אריין וואַסער פון ברוגים—אַ שטילער מענטש.

האָט אים דער מיראָפּאָליער צדיק געבענטשט, אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן און מער ניט זיין קיין אָרימאַן. איז די ברכה מקויים געוואָרן און נאָך אין זעלביקן יאָר איז ער אַ גביר געוואָרן.

ווי ער איז געוואָרן אַ גביר, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער איז געוואָרן אַ קמצן, קיין צדקה ניט געגעבן, מענטשן קיין טובה ניט געטאָן און האָט זיך נאָר געעסקט פאַר זיין הנאָה.

האָט מען דאָס דערציילט פאַר דעם מיראָפּאָליער צדיק. וואָס האָט ער געטאָן?—ער איז שוין אַפילו דאַמאָלסט געווען אויף דער עלטער, נאָר דאָך איז ער אַוועק צום נגיד דעם קאַרגן.

— גוט מאָרגן...

— גוט יאָר...

און ער האָט אָנגענומען דעם קמצן פאַרן האַנט, צוגעפירט צום פענסטער און אים געזאָגט: „קוק". האָט דער גביר אַרויסגעקוקט אויפן גאַס. פרעגט אים דער צדיק: „וואָס זעסטו?" ענטפערט ער: „איך זע מענטשן". פרעגט ער ביי אים: „וואָס נאָך?" — אַ הימל... „וואָס נאָך?"—„אַ בוים". „וואָס נאָך?"—„פייגל פליען..."

נאָכדעם האָט ער אים צוגעפירט צום שפּיגל און געזאָגט: „קוק, וואָס זעסטו איצט?" ענטפערט דער נגיד: „איך זע זיך"; פרעגט ער ביי אים: „וואָס נאָך זעסטו?"—„אַ נאָז, אַ פּאָר אויגן..."

זאָגט צו אים דער צדיק:

— פאַרשטייסטו מיך, אין פענסטער איז גלאָז און אין שפּיגל איז גלאָז. אין פענסטער איז איינפאַכער גלאָז, אָרימער גלאָז, זעט מען דורך אים טאַקע מענטשן, אַ הימל, אַ בוים, פייגל פליען... גאַטס וועלט... נאָר די גלאָז פון שפּיגל איז אַ ביסל באַזילבערט, און וויבאַלד נאָר באַזילבערט, הערט מען אויף צו זען מענטשן, די וועלט, מען זעט נאָר זיך, אַ נאָז, אַ פּאָר אויגן...

רב מיכעלע.

די מעשה איז אַן אמתע. ר׳ אַרעלע וועט ניט אויסטראַכטן. ער האָט דאָס פּאָר אַ גאַנצן עולם יידן דערציילט, אַז אים אַליין האָט זיך דאָס געחלומט.

דאָס איז, געווען גלייך נאָכדעם ווי דער גרויסער צדיק מיכעלע איז געשטאָרבן. פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי מיכעלע וועט גיין גלייך אין גן־עדן אַרייַן. ער איז געווען דער גרעסטער צדיק פון זיין דור.

חלומט זיך זיין שמש, ר׳ אַרעלען, אַז ער שטייט ביים טויער פון גן־עדן און גייט ניט אַריין אינעווייניק. האָט ר׳ אַרעלע זיך געוואונדערט, נאָר ער האָט געמיינט, אַז מען לאָזט אים אינעווייניק ניט אַריין — אפשר איז ער נאָך צו ווינציק צדיק געווען. האָט אָנגעהויבן ר׳ אַרעלע צו וויינען און דאַוונען און בעטן, מען זאָל דעם צדיק ר׳ מיכעלע אַרייַנלאָזן אין גן־עדן. אויף מאָרגן האָט ער געמאַכט אַ תענית — מען דאַרף דאָך העלפן דעם צדיק.

איז ר׳ מיכעלע געקומען ביינאַכט צו חלום ר׳ אַרעלען און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— האָסט אַ טעות, איך וויל אַליין ניט גיין אין גן־עדן.

איז דאָס געווען ביי ר׳ אַרעלען אַ וואונדער און ער פרעגט ביי אים:

— למאַי ווילסטו ניט גיין אין גן־עדן אַריין?

האָט ר׳ מיכעלע אים אויסגעזאָגט:

— איך האָב פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מיר אַרויסגעבן פון גיהנום עטלאַכע נשמות, געווען געמאַטערט זיך דאָרט, איך האָב זיי געוואָלט אַריינפירן מיט מיר אין גן־עדן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז מען קען דאָס ניט. איז אַן זיי וויל איך ניט גיין אין גן־עדן אַריין.

— און וואָס וועט זיין? — האָט ביי אים ר׳ אַרעלע געפרעגט.

— וואָס איז שייך — האָט ער אים געענטפערט, איך וועל פועלן, אַז מען זאָל מיר אַרויסגעבן די נשמות פון גיהנום, איך וועל זיי ראַטעווען...

און ער האָט זיי טאַקע געראַטעוועט.

אויסגעהערט און איבערדערציילט דורך

יעקב פּאַט.



קאַטאַלאָג פון „נייע יידישע פאָלקסשול“ פאַרלאַג

ווילנע, סטעפאַן גאַס 24. ו. 28.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך פארן 1-טן לערניאָר.
2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. אריטמעטישער רעכנבוך (כלערליי צאָלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

6. לעבעדיקע קלאַנגען. א. ב.
7. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פארן 1-טן לערניאָר.
8. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פארן 2-טן לערניאָר.
9. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פארן 3-טן לערניאָר.
10. דאָס נייע וואָרט—כרעסטאָמאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן.

ביבליאָטעק פאַר יינגערע קינדער:

פון ש. באַסטאָמסקי.

1. יעקעלע נאַר.
2. יודע דער וואַסערטרעגער און זיינע מעשיות.
3. מזל.
4. צוויי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער צדיק.
6. דער בים און דער ווינט.
7. יינגל צינגל—לויט בר. גרים.
8. די אמתע כלה „ „
9. דריי מענטשעלאַך אין וואַלד.
10. כשופמאַכער און זון. בר. גר.
11. דער העלדישער שניידערל „
12. האַנס און גרעטכען. „
13. רויט היטעלע. „
14. א מעשה מיט 7 ציגעלאַך.
15. קאַרוזאָ—פון דעם לעבן פון די איטאַליענישע קינדער, וואָס אַרבעטן אין די שאַכטעס.

16. גיופער האָפען—(פ[illegible] עם לעבן פון די קוילנגרעבער)
17. דער ליגנער—(א מע[illegible]).
18. די גאַשערקע—
19. מעשהלאַך פון עזאָפ [illegible]
20. „ „ [illegible]
21. „ „ [illegible]
22. דער פארשלאָסענער [illegible]— (יידישע פאָלקסמ[illegible]).
23. צוויי יתומים—(פאָלק[illegible]לע פאַר קלענערע קי[illegible]),
24. לעגענדעס פון אַמאָ[illegible]— (אלעקסאַנדער מוקדן און די פרויען, דער משפט, דער [illegible] דיכישער חכם סאָלאָן). . . .
25. דאָס גרויסע האַרץ (מעשה [illegible]).
26. דאָס ווינטעלע—(מעשה [illegible]).
27. דער קייסער און דער [illegible]— (יידישע פאָלקסמעשה).
28. פאָלקסמעשיות און לעגענדעס פון אַלטן פראַג
29—31 „דער קונדס“— 3, 2, 1 (זאַמלונגען פון רעטענישן, אויפגאַבן, שפילן, רעבוסן, וויצן, ווערטלאַך, גיכווערטלאַך א.א.).
32. בוסתנאי—(פאָלקסמעשה).

ביבליאָטעק פאַר עלטערע קינדער: פון ש. באַסטאָמסקי

1. פריטיאָף נאַנסען. . . . . .
2. דייוויד ליווינגסטאָן . . . .
3. הענרי סטענלי . . . .
4. ווי אזוי קאָלומבוס האָט אנטדעקט אמעריקע?
5. אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ.
6. זאַלץ . . . .
7. ווי אזוי מע מאַכט פאַפיר?
8. יאָהאַן גוטענבערג . . . . . .
9. דזשעמס וואַט . . . .
10. ראָבערט פולטאָן . . . . . .
11. דזשאָרדזש סטעפענסאָן . . .
12. י. ל. פרץ — זאַמלבוך .
13. נעללאַ און פּאַטראַש. . .
14. פרילינג קומט—פאַנטאַסט. קינדער-פיעסע אין 2 אַקטן.
15. די באַפרייונג פון די שוואַרצע קנעכט—(דאָס לעבן פון די שוואַרצע נעגערס און א ריי ביאָגראַפיעס פון די קעמפער פאַר זייער באַפרייונג: האַריסאָן, פאַרקער, ביטשער סטאָו, אייבראַם לינקאָלן, בוקער וואַשינגטאָן א. אנד. (אילוסטרירט)
16. מרדכי אַנטאָקאָלסקי—ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפטאָר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק. . . .
17. די שווייץ—פון דער סעריע „פעלקער און לענדער“ . .
18. די פּאָסט אַמאָל און היינט.
19. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און דער קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן . . . .
20. בענזשאַמען פראַנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער—פון עמיל זאָלאַ.

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי.

1. יידישע פאָלקסרעטענישן—3-טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע מיט אַבייּלאַגע פון ש. אַנ-סקי'ס רעצענזיע.
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע.
3. ביים קוואַל 1-טער באַנד— יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, רעדנסאַרטן, פאַרגלייכענישן, מינטשעניש, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סמנים, סגולות און זאַבאָבאָנעס. . .
4. ביים קוואַל 2-טער באַנד— יידישע פאָלקסלידער . . . .

אויפן לאַגער געפינען זיך:

1. ק. פ. יאַגאַראָווסקי (יידיש— מ. חיימסאָן) „זומערדיקע אַרבעטן אויף נאַטורוויסנשאַפט זאָאָלאָגיע און באָטאַניק.
2. דאָס לעבעדיקע וואָרט— כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען.